# תורת אביגדור

## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**
דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה** ע"ה

### פרשת וישלח

## געדענק – אמאל און היינט

דוד איז געזעצן אין ספרים שטוב און דורך געקוקט די חומש. זיין רבי האט אים געהייסן צוגרייטן א דבר תורה פאר פרשת וישלח וואס ער וועט נאכזאגן פאר זיין גאנצע קלאס. ער האט זיך געפרייט צו זען אז די "תורת אביגדור" אויף פרשת וישלח איז שוין אנגעקומען, ער האט עס דורך געליינט און געשריבן זיין דבר תורה:

*נאכ'ן זיין צוואנציג יאר אין לבן'ס הויז איז יעקב אבינו צוריק אהיים געגאנגען קיין ארץ ישראל. ער האט געדארפט אריבערגיין די ירדן. ער האט געבעטן דער באשעפער זאל אים העלפן, אבער קודם האט ער גענומען די געלעגנהייט צו דאנקען דעם באשעפער, זאגנדיג "כי במקלי עברתי את הירדן הזה ועתה הייתי לשני מחנות" דאס מיינט "מיט מיין שטעקן בין איך אריבערגעגאנגען דעם ירדן, און יעצט בין איך געווארן צו צוויי מחנות."*

*פארוואס האט יעקב בכלל דערמאנט זיין שטעקן דא?*

*זאגט ר' אביגדור מיללער זצ"ל אז יעקב אבינו האט געמיינט צו זאגן אזוי: "צוואנציג יאר צוריק בין איך ארויס פון ארץ ישראל און אריבערגעגאנגען דעם ירדן מיט גארנישט, אויסער מיין שטעקן. מיין שטעקן איז אלעס וואס איך האב געהאט. יעצט קום איך צוריק, און איך גיי אריבער די זעלבע ירדן מיט צוויי מחנות!"*

*מיר דארפן אננערקענען די חסדים וואס דער באשעפער טוט צו אונז. די בעסטע וועג צו אננערקענען וואס דער באשעפער טוט פאר אונז איז צוריצוגיין צו די פלאץ וואו מען איז אמאל געווען ווען מיר האבן געהאט ווייניגער ווי מען האט יעצט, און איינזען וואס מען האט צובאקומען, וויפיל מען האט טאקע. דאס איז וואס מען לערנט זיך פון יעקב אבינו'ס שטעקן.*

פרייטאג צופרי האט דוד'ס מאמע אים געבעטן אויב ער וועט קענען אהיים ברענגען זיין קליינע ברודער שלומי פון חדר. ער זאל גיין צו די קינדערגארטן קלאס און אים אפנעמען פון דארט. "און דוד, קענסט באגריסן שלומי'ס רבי, ער איז אויך געווען דיין קינדערגארטן רבי."

ווען דוד איז אריין אין די קינדערגארטן קלאס אפנעמען שלומי האט ער עס פשוט נישט געקענט גלייבן. אלעס האט אויסגעזען די זעלבע. די רבי, די טישן, די קליינע געלע בענקלעך וואס ער איז געזעצן אויף אכט יאר צוריק, וואס דעמאלטס האט ער געמיינט עס איז אזוי גרויס. און די פייערלעשער, ער געדענקט נאך שפילן דערמיט!

און דוד האט געדענקט זיין דבר תורה. דאס איז וואס ר' מיללער האט געמיינט! די קליינע געלע בענקלעך און די פייערלעשער דערמאנען מיר וואו איך האב געהאלטן אכט יאר צוריק! איך געדענק זיצן אויף די בענקלעך, איך בין געווען פיר יאר אלט. איך האט גארנישט געקענט, אפשר נאר קמץ א'. און יעצט בין איך דא צוריק אין די זעלבע פלאץ, מיין גאנצע לעבן איז אנדערש! איך ווער שוין באלד בר מצוה! און איך קען צוגרייטן און איבערגעבן א דבר תורה פאר מיין קלאס. און אי"ה, חנוכה צייט גיי איך מסיים זיין מסכת מכות!

דעמאלטס בין איך געווען די איינציגסטע קינד אין מיין משפחה, יעצט האב איך צוויי ברידער און צוויי שוועסטערס! מיר האבן געוואוינט אין א קליינע דירה דעמאלטס, יעצט האבן מיר גענוג א גרויסע הויז!

טאקע נישט קיין שטעקן אדער ירדן, אבער די לימוד קען איך צולייגן צו מיין אייגענע לעבן. די קינדערגארטן קלאס קען זיין פאר מיר א דערמאנונג צו דאנקען דער באשעפער אויף וואס ער האט געטוען פאר מיר אלע יארן! יעצט, דאס איז אמת'דיג א דבר תורה!

גוט שבת!



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: